# שִׂיחוֹת הָראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

## פרשת נצבים וילך שנת תש״פ לפ״ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# שיחות וסיפורים

## לערנען 'עצתו אמונה'

סו) דער ראש ישיבה שליט"א האט געפרעגט פון א תלמיד: "דו לערנסט עצתו אמונה"? האט יענער געזאגט אז ער קומט נישט אן צו לערנען עצתו אמונה ווייל ער האט נישט קיין צייט, האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "קיינער זאגט נישט 'איך האב נישט געהאט קיין צייט זיך אנצוטון היינט'... פאר זאכן וואס זענען ביי דעם מענטש וויכטיג טרעפט מען צייט, פונקט ווי דו האסט געהאט צייט זיך אנצטון היינט אינדערפרי... זע צו לערנען די בריוון פון עצתו אמונה יעדן טאג גלייך אינדערפרי, איידער דו ווערסט פארנומען, די בריוון וועלן דיר מחיה זיין און מחזק זיין".

## זיך אפוואשן פון שבת

סז) ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעלערנט פאר די בחורים די גמרא מסכת ביצה איבער זיך טובל'ן אום שבת און יום טוב (דף יח.), האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: ווען ערב יום טוב געפאלט אויס אום שבת, זענען דא מענטשן וואס גייען אין מקוה שבת נאכמיטאג לכבוד יום טוב, ווידעראום זענען דא וואס זאגן אז דאס איז אסור, ווייל עס זעט אויס ווי מען גרייט זיך אן פון שבת אויף יום טוב, ענדערש זאל מען גיין ערשט ביינאכט ווען עס איז שוין יום טוב; האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "ווען מוהרא"ש האט געזען ווי מענטשן גייען אין מקוה לכבוד יום טוב גלייך נאכ'ן זמן מוצאי שבת, האט זיי מוהרא"ש געפרעגט: דו ווילסט זיך אפוואשן פון שבת? עס זעט אויס ווי דו ביסט געווארן שמוציג פון שבת און דו ווילסט זיך אפוואשן פון דעם...; אויב מען דארף א מקוה וכו', גייט מען גלייך ווען מען דארף, עס פעלט נישט אויס צו ווארטן ביז ביינאכט און עס זעט נישט אויס ווי הכנה פון שבת אויף יום טוב, אבער גיין אין מקוה גלייך ביים זמן זעט אויס ווי מען וויל זיך אפוואשן פון שבת.

האט דער ראש ישיבה שליט"א צוגעלייגט: "די זעלבע זאך איז מיט גיין אין שאוער מוצאי שבת גלייך ביים זמן, עס זעט אויס ווי מען וויל זיך אפוואשן פון שבת, ווי כאילו שבת האט שמוציג געמאכט; און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "עס זענען דא מענטשן וואס בטבע קענען זיי נישט אנהייבן א טאג אן גיין אין שאוער, אבער אינטערעסאנט אז מוצאי שבת שטערט זיי דאס נישט, ווייל לויפן אין שאוער גלייך ביים זמן מוצאי שבת זעט אויס ווי מען וויל זיך אפוואשן פון שבת".

## איבערגעבן די שמועסן ווייטער

סח) דער ראש ישיבה שליט"א האט געגעבן הדרכה פאר א אינגערמאן אין עפעס א נושא, ווען דער אינגערמאן האט געפרעגט פונעם ראש ישיבה שליט"א אויב ער זאל דאס איבערדערציילן ווייטער פאר אנדערע תלמידים אדער ער זאל דאס האלטן בסוד, האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: "וואס דו הערסט פון מיר, קענסטו איבערגעבן ווייטער, און וואס איך זאג דיר 'דאס זאלסטו נישט איבער איבערזאגן', זאלסטו דאס אויך איבערזאגן, און דו זאלסט אויך זאגן 'דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דאס זאל מען נישט איבערזאגן'... ווייל וואס איך וויל נישט מען זאל וויסן, גייט נישט ארויס פון מיין מויל".

מוהרא"ש האט דערציילט פון ליובאוויטשער רבי זכר צדיק לברכה: "עס איז אמאל געקומען א צייטונג שרייבער אים אינטערוויואירן, נאכ'ן אינטערוויו האט ער געפרעגט פונעם רבי'ן צי אלעס וואס מען האט געשמועסט קען מען באשרייבן און ארויסגעבן אדער עס איז דא זאכן וואס מען דארף האלטן בסוד, האט דער ליובאוויטשער רבי געענטפערט: "וואס איך זאג קען מען ארויסגעבן, ווייל וואס איך וויל נישט מען זאל וויסן, ווייסט נישט דער טיש אין מיין צימער"...

## 'איך בין קאלט', 'איך בין שמוציג'...

סט) ווען מען האט געבויט די ערשטע מקוה אין שטעטל, עס איז נאכנישט געוועזן קיין פילטער און נישט קיין הייצונג אין מקוה האט דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט אין א שמועס: "אין סאמארקאנד האט געוואוינט א איד, ר' בערקע חן, א חבד'סקער חסיד, ער איז שוין געווען אויף דער עלטער, און זיין משפחה האט אים געוואלט אפהאלטן פון גיין אין מקוה צוליב זיין געזונט, האט מען אים געזאגט 'רבי בערקע, גייט נישט אין מקוה, עס איז קאלט און שמוציג', האט ער זיי געענטפערט מיט א קרעכץ, ווייזנדיג אויף זיך: "יא יא, איך בין קאלט, איך בין שמוציג"...

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "ווען דער יצר הרע וויל אפהאלטן דעם מענטש פון גיין אין מקוה, זאל מען זאגן צו זיך: "איך בין קאלט, איך בין שמוציג, די טבילה אין מקוה וועט מיר אפוואשן פון מיין שמוץ וכו', די טבילה וועט מיר אנווארעמען צום אייבערשטן".

# ראש השנה

## נישט גיין צום ציון ביינאכט

ע) דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "ביינאכט זאל מען נישט גיין צום ציון, ענדערש זאל מען גיין שלאפן און אינדערפרי זאל מען גיין צום ציון.

## גיין אין מקוה פאר אלעס

עא) כמה פעמים ווען דער ראש ישיבה שליט"א איז געפארן מיט די בחורים נסיעות אויף ארץ ישראל וכדומה, האבן מיר געזען ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט געוואלט די ערשטע זאך נאכ'ן ארויסקומען פון לופטפעלד גיין אין מקוה[א].

## אויסניצן די צייט אין אומאן

עב) אלץ ווען דער ראש ישיבה שליט"א רעדט צו די בחורים פאר ראש השנה זיי צו אנגרייטן אויף אומאן וכו', פרעגט דער ראש ישיבה שליט"א: "ווען דו וואלסט ווען געוואוסט דעם פארגאנגענעם יאר ראש השנה אז דו וועסט זיך ארומדרייען נאך א גאנצע יאר אן א שידוך וואלסטו געשמועסט אין אומאן מיט חבירים וכו' דברים של מה בכך וכו'? אדער

..............................

[א] דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אין עצתו אמונה (וישב תשע"ט): הודו לה' כי טוב אז איך בין אנגעקומען אהיים בשלום; עס האט געהייסן אז מיר וועלן שוין זיין צוריק נעכטן מיטאג אבער (תהלים לז, כג): "מֵה' מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ, וְדַרְכּוֹ יֶחְפָּץ"; דער אייבערשטער איז דער וואס מאכט אלעס און טוט אלעס. מיר זענען געבליבן נאך א טאג אין אוקריינא נאכדעם וואס דער פליגער איז געווען צעבראכן. מיר האבן עס אנגענומען באהבה און געגלייבט אז אלעס איז לטובה; נישט מיר גייען און מיר טוען נאר אלעס קומט פונעם אייבערשטן, אזוי ווי דער בעל שם הקדוש זכותו יגן עלינו האט געזאגט: "א איד גייט נישט, א איד פירט מען".

**איך קום יעצט גלייך פון ערפארט; איך בין געלאפן כאפן א מקוה און גלייך געקומען אין ישיבה** דיר שרייבן אפאר ווערטער דיר מחזק זיין אויף לימוד התורה.

דו וואלסט נישט פארשווענדעט קיין איין מינוט און וואלסט געזעסן ביים ציון זיך אויסבעטן א שידוך"?

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן האבן די קאפ אויפ'ן פלאץ און נישט אנווערן די טייערע צייט מיט'ן שמועסן מיט דעם און מיט יענעם וכו', נאר אויסניצן די צייט אין אומאן און אויסבעטן א גוט געבענטשט יאר מיט אלע ברכות.

## גיין אין בלאטע און נישט ווערן שמוציג

עג) איין יאר ראש השנה גייענדיג אין אומאן אויפ'ן וועג צום ציון האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "עס איז אינטערעסאנט וויאזוי דער רבי'ס טאכטער האט געקענט גיין אין אומאן אן ווערן שטויביג, אלע וועגן אין אומאן זענען אזוי שטויביג[ב]"...

## זיך היטן די אויגן אין לופטפעלד

עד) איין יאר ווען מיר זענען מיטגעפארן מיט דעם ראש ישיבה שליט"א קיין אומאן האבן מיר געזען אין לופטפעלד ווי גייענדיג צום

........................

[ב] דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט (עצתו אמונה ויקהל פקודי תשע"ח): איינמאל איז די צדיקת אדל - דעם רבינ'ס טאכטער געגאנגען נאך געלט מיט נאך אפאר פרויען, אינמיטן וועג האט זיך אראפגעלאזט א גאס רעגן, עס איז געווארן א גרויסע בלאטע און אלע פרויען זענען געווארן פארשמירט פון די בלאטע, **נאר אדל איז געבליבן זויבער, אפילו איר שיך איז געבליבן ריין**; די פרויען וואס זענען מיטגעגאנגען מיט איר האבן זיך זייער געוואונדערט ווי אזוי קען זיין אז זי האט זוכה געווען צו אזא רואיגקייט אז זי זאל קענען גיין אין בלאטע און דאך בלייבן זויבער. האט אדל זיי געזאגט: "**מיין גרויסע טאטע - דער הייליגער רבי - האט מיר אויסגעלערנט א וועג אז אפילו ווען מען גייט אין בלאטע זאל מען קענען בלייבן ריין און זויבער**".

דאס הייסט, אפילו א מענטש פאלט נעבעך אראפ אין בלאטע, לערנט אונז דער רבי אז מיר זאלן זיך נישט פארשמירן מיט עצבות און מרה שחורה, נאר מיר זאלן בלייבן ריין, מיר זאלן ווייטער גלייבן אינעם אייבערשטן אז ער וועט אונז העלפן.

פליגער מיט די קינדער און נאך עטליכע בחורים האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט צום אייבערשטן אויפ'ן קול און געזאגט: "הייליגער באשעפער איך וויל מיך היטן מיינע אויגן, הייליגער באשעפער איך וויל האבן הייליגע אויגן וכו'"; אלע וואס האבן מיטבאגלייט האבן זיך ממש געשעמט מיט א מורא'דיגע בושה פונעם אייבערשטן.

האבן מיר פארשטאנען אז נאר דאס איז די איינציגסטע וועג צו קענען האבן שמירת ענים אין לופטפעלד וכדומה, אויב מען בעט און מען בעט דעם אייבערשטן. אויך האבן מיר געזען אז מען קען דאס בעטן אויפ'ן קול אזוי זאל דאס ארייגניין פאר די קינדער אין די ביינער[ג].

## רעדן צום אייבערשטן וואו מען געפינט זיך

עה) דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: "איין יאר אויפן וועג צוריק פון אומאן ווען די ישיבה איז געפארן אינאיינעם מיט מוהרא"ש זכר צדיק לברכה, האט מען זיך אפגעשטעלט אין אמסטערדאם, דארט אין לופטפעלד,ווארטנדיג אויפ'ן צווייטן פליגער, האט זיך מוהרא"ש

[ג] איינער פרעגט פונעם ראש ישיבה שליט"א (עצתו אמונה בא תשע"ט), ער ברענגט זיין קליין אינגל אויף אומאן, און זיין זון וועט זען ווי רוב אידן אויפ'ן פליגער קוקן די מאוויס וואס מען ווייזט וכו', וואס זאל ער טון?

שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א אינעם בריוו: "מיר פארן ראש השנה מיט אלע קינדער פון פאר זיי ווערן זיבן יאר. מיר קוקן נישט אויף גארנישט און מיר ברעכן אלע מניעות, **יעדער איינער האט זיך זיינע נסיונות און אין יעדע תקופה קומען אפיר אנדערע נסיונות,** אמאל איז געווען די נסיון אז עס איז נישט דא קיין עסן געהעריג, אדער די בעט איז נישט געהעריג, האבן מיר דאס צעבראכן און געקומען אפילו אן עסן און אן שלאפן, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תד): "יא עסן - נישט עסן, יא שלאפן - נישט שלאפן, יא דאווענען - נישט דאווענען, דער עיקר אז מען זאל זיין ביי מיר אויף ראש השנה"; און אזוי קומען כסדר אן פרישע נסיונות, אבער מיר פאלגן דעם רבי'ן און קומען צו אים אויף ראש השנה.

**אז דו ווילסט געבן א גוטע חינוך פאר דיינע קינדער זאלסטו זיי מיט נעמען מיט דיר און זיי מחנך זיין אונטער וועגנס זיי זאלן האבן שמירת עיניים, וועסטו זוכה זיין צו ערליכע אידישע דורות.**

אנגערופן צו מיר: "יואל, וואס דארפסטו, א וואלד? די גאנצע וועלט איז א וואלד... ווילסט חיות? די גוים זענען דאך ווי חיות... קענסט דאך רעדן צום אייבערשטן"... און גלייך ווי מוהרא"ש האט דאס געענדיגט זאגן האט מוהרא"ש אנגעהויבן רעדן צום אייבערשטן מיט א מורא'דיגע דביקות און א געשמאק, ווי גלייך ער וואלט זיך געפונען אין עפעס א געשמאקע פעלדל אדער א וואלד"...

דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט אלץ די מעשה ביי די שיעורים צו ארויסברענגען די נקודה אז ווי א מענטש געפונט זיך נאר קען ער רעדן צום אייבערשטן, ווי מוהרא"ש האט געזאגט: "וואס דארפסטו, א וואלד? די גאנצע וועלט איז א וואלד... ווילסט חיות? די גוים זענען דאך ווי חיות... קענסט דאך רעדן צום אייבערשטן"...

## ביים ציון בעט מען פאר א תיקון

עו) צוויי תלמידים פון ישיבה האבן געשמועסט צווישן זיך איבער פרנסה, צי יענער האט עפעס אן ארבעטס געלעגנהייט פאר אים, האט זיך דער צווייטער אנגערופן: "מען פארט דאך שוין באלד קיין אומאן, וועסטו זיך קענען אויסבעטן ביים רבי'ן א גוטע פרנסה".

ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט נאכגעהערט דעם שמועס האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "קיין אומאן קומט מען אז דער רבי זאל אונז מתקן זיין; אוודאי זאל מען בעטן אויף א גוטע יאר און אויף אלעס וואס פעלט פאר'ן מענטש, אבער דער עיקר סיבה אויף וואס מען פארט צום רבי'ן, דער רבי זאל אונז מתקן זיין און אונז ברענגען נענטער צום אייבערשטן - צו תכלית".

Keren Hadfusa of Breslev
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205-1509
P: 718-387-2691
Email: Mail@kerenhadfusa.org